# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

דברים
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"א



**פראגע**

## וויאזוי קענען מיר ווייגען תשעה באב אויף די פארלוסט פון זאכן וואס איז פארגעקומען אזוי לאנג צוריק?

**ענטפער:**

עס איז נישט דא אזא זאך ווי 'לאנג צוריק' אין אונזער פאלק. עס איז א גרויסער טעות צו טראכטן אז צייט מאכן סיי-וועלכע חילוק פאר אונז.

אונזער היסטאריע איז איין גרויסע שטיק היסטאריע; פון אנהייב פון היסטאריע ביז די ענדע פון צייט, עס איז איין מציאות. אלע אידן פון כלל ישראל; די אידן וואס האבן אמאל געלעבט און די אידן וואס וועלן לעבן אינעם עתיד, מיר זענען אלע איין פאלק.

מיר האבן נארוואס געזאגט דעם ראש חודש **"יעלה ויבא"**, און מיר **זאגן "אלקינו ואלקי אבותינו יעלה ויבוא... זכרוננו ופקדוננו"** – מיר בעטן דעם אויבערשטן ער זאל אונז געדענקען צום גוטן. ווען זאל ער געדענקען? **"וזכרון כל עמך בית ישראל"** – די זכרון פון דעם גאנצן פאלק ישראל. וואס איז די "בית ישראל"? נאר די וועלכע לעבן יעצט? ניין! דאס גאנצע בית ישראל וואס האט נאר אמאל געלעבט; מיר זענען איין פאלק.

עס איז א טעות צו מיינען אז איינמאל זיי זענען געשטארבן איז אלעס דערנאך און מיר פארגעסן וועגן זיי; מיר לייגן זיי אין דער ערד און פארטיג. ניין! זיי זענען פונקט אזוי לעבעדיג ווי מיר זענען. די אלע נשמות וואס זענען אויסגעשאכטן געווארן לעבן נאך פונקט ווי אונז. זייער בלוט שרייט נאך ארויס פון דער ערד. **"קול דמי אחיך צעקים אלי מן האדמה"** – די בלוט פון אלע קדושים שרייען ארויס פון דער ערד. עס הערט נישט אויף צו שרייען ווען צוויי טעג גייען דורך, אדער צוויי יאר, אדער צוויי טויזנט יאר. זיי שרייען נאך אלץ.

און דערפאר זענען מיר איין פאלק. **"גוי אחד בארץ"** מיינט אז מיר זענען איין פאלק פון די אנהייב ביזן סוף, און עס איז אן ערנסטע טעות צו טראכטן אנדערש.

אברהם אבינו איז נישט איינער וואס האט אמאל געלעבט. אברהם אבינו איז אונזער פאטער היינט! ער לעבט נאך. אויב מיר בעטן היינט דעם אויבערשטן אז ער זאל אונז געבן חסד אין זכות פון אברהם אבינו, **"וזוכר חסדי אבות"**, זאגן מיר דערמיט אז ווי ווייט עס איז אונז נוגע לעבט נאך אברהם אבינו.

דער נאמען פון השי"ת מיינט – היה, הוה, ויהיה – אלע זמנים זענען אינאיינעם. יעצט נעמט גוט אריין דעם לימוד אין קאפ. ביים אויבערשטן זענען אלע זמנים איינס. אהיה אשר אהיה, עס איז נישט דא קיין פארגאנגענער זמן ביים אויבערשטן.

במילא, א מענטש וואס האט געטון אן עבירה פופציג יאר צוריק, לאמיר זאגן, ווען ער איז געווארן בר מצוה, און ער טראכט, "עה, איך בין געווען א קליין בחור'ל פון בלויז דרייצן און אהאלב יאר; איך וועל פארגעסן דערפון." ניין, עס ווערט געדענקט אויף אייביג. גארנישט ווערט נישט פארגעסן; עס ווערט געדענקט אויף אייביג. און אפילו עבירות פון אונזער אור-עלטערן ווערן געדענקט אויף אייביג. און אודאי אויך די מצוות פון אונזערע אור-עלטערן. דער אויבערשטער געדענקט אלע גוטע מעשים פון די אור-עלטערן.

אונזער גאנצע היסטאריע לעבט. און וועגן דעם לערנען מיר דעם חומש נאכאמאל און נאכאמאל. עס איז גארנישט פארריבער, עס איז גארנישט אינעם צוקונפט; אין די אויגן פון השי"ת איז אלעס אינאיינעם אין איין צייט. עס איז נישט דא אזא זאך ווי לאנג צוריק ביי כלל ישראל. עס איז נעכטן, היינט און מארגן אין די זעלבע צייט.

דער בית המקדש ברענט יעצט! עס ברענט אייגנטליך יעצט. די חורבן בית המקדש געשעט היינט. און דאס איז א יסודות'דיגע השקפה וואס מיר האבן, עס איז נישט דא קיין עבר. מיר לעבן מיט'ן עבר.

און מיר לעבן אויך מיט'ן עתיד. ווען ישעי' הנביא זאגט אונז וואס וועט איין טאג געשען, לעתיד לבוא, איז עס אמת היינט. אזוי ווי ווען אברהם אבינו האט געהערט אז ער גייט האבן א זון, שטייט **"ויפול אברהם על פניו ויצחק"** – ער איז געפאלן אויף

זיין פנים און געלאכט.

אבער די פראגע איז פארוואס ווערט נישט אברהם קריטיקירט פאר'ן לאכן פונקט ווי שרה איז געווארן קריטיקירט?! און דער ענטפער איז, אברהם איז געפאלן אויף זיין פנים און געלאכט ווייל ער איז געווען אזוי פרייליך ממש ווי ער האט שוין דעם קינד. דאס איז געווען זיין לאכן. אזוי ווי **"אז ימלא שחוק פינו"** – אונזער מויל וועט זיין פול מיט געלעכטער, א געלעכטער פון שמחה. ווען אברהם האט געהערט אז ער וועט האבן א יצחק, האט ער שוין געשפירט פונקט ווי ער האלט יעצט שוין יצחק אין זיינע ארעמס. דאס איז די גרויסקייט פון דעם גרויסן צדיק; עס איז נישט דא קיין עתיד, די עתיד איז שוין יעצט.

מיר גלייבן אין משיח מיט א פולע שטארקייט פונקט ווי ער איז שוין דא; עס איז בלויז א ענין פון צייט, ווייל באמת איז ער שוין דא.

און פונקט ווי אונזער עתיד איז אזוי עכט צו אונז, איז אונזער עבר די זעלבע זאך. מיר לעבן אינאיינעם מיט אלע אידן וואס האבן אמאל געלעבט און וואס וועלן לעבן. עס איז נישט דא קיין עבר און עתיד; עס איז אלעס אן אנגייענדע הוה פאר'ן בית ישראל.

און וועגן דעם קענען מיר תשעה באב פאקטיש וויינען מיט אמת'ע טרערן, ווייל דער בית המקדש ברענט יעצט. עס איז א חלק פון אונזער הוה אז מיר פארלירן דעם בית המקדש. און דאס איז אין כלל פונעם געדאנק – **"כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו"** – יעדע דור וואס דער בית המקדש איז נישט געווארן אויפגעבויט אין זיינע טעג איז אזוי ווי עס איז חרוב געווארן אין זיינע טעג. (# 605)

## פראגע

### פארוואס האבן נישט חז"ל מתקן געווען א טרויער-צייט אויף די גלות פון די עשרת השבטים?

## ענטפער:

דאס איז זייער א וויכטיגע שאלה. אין קורצן איז דער ענטפער אזוי: פארוואס איז נישט דא קיין עקסטערע געדענקמאל אויף גלות בבל און אויף די גלות פון נאכן חורבן בית שני? די טרויערונג אין די דריי וואכן איז בעיקר אויפ'ן **חורבן בית המקדש**, אבער אויסער'ן פארברענען דעם בית המקדש זענען דאך אידן אויך פארטריבן געווארן צוויי מאל אין גלות, און די עשרת השבטים זענען עקסטער פארטריבן געווארן?!

און דער ענטפער איז, אז **איינס איז גענוג**. עס איז גענוג שווער פאר אונז צו קלאגן בכלליות אויפ'ן חורבן. עס איז זייער א שווערע לאסט צו דארפן טרויערן. קלאגן איז שווער פאר א אידישע נפש און עס איז נישט דער דרך התורה. די דרך התורה איז **"עבדו את ה' בשמחה!"** – מיר דארפן האבן פרייליכקייט; די תורה איז א תורת חיים, מיר מוזן **לעבן מיט שמחה**.

דערפאר האבן די חכמים געמאכט **איין תקופה** פון קלאגן און **דאס דעקט אלעס**. תשעה באב ווען מען זעצט זיך אראפ אויף דער ערד, וויינען מיר נישט בלויז אויפ'ן חורבן פון די צוויי בתי מקדשות; מיר וויינען אויך אויף אלע צרות וואס כלל ישראל איז פארבייגעגאנגען... מיר דערמאנען די קהל מאגענצא, און קהל אשפייער, (אין די קינה פון "מי יתן ראשי מים"), די אלע הערליכע קהילות וואס איז אמאל געווען אין אייראפע. און יעצט וויינען מיר אויך אויף **"על בית ישראל ועל עם ה' שנפלו בחרב"**, אויף אלעם וואס מיר האבן פארלוירן אין רעזולטאט פון די לעצטע האלאקאוסט אין אייראפע.

אלעס ווערט אריינגעלייגט אין דעם איין צייט, ווייל אויב זאלן מיר מאכן א זכרון פאר אלע טראגעדיעס, דאן וואלט דער גאנצער אידישער קאלענדער געווען א צייט פון טרויער. עס וואלט געווען דריי וואכן דא, דריי וואכן דא, און דריי וואכן דארט. עס איז גענוג וואס מיר האבן. עס איז גענוג א רחמנות צו זען מענטשן גייען ארום טרויעריג אין די דריי וואכן; מען קען זיך נישט וואשן, מען קען נישט האבן קיין שמחות, און מען קען זיך נישט שערן די האר. ס'איז גענוג. כלל ישראל איז נישט קיין פאלק פון קלאגערס; זיי זענען א פאלק פון שמחה. **א פרומער איד איז א פרייליכער איד.**

איך האב עס שוין אמאל געזאגט. איך בין דורכגעגאנגען וויליאמסבורג און עס איז געווען איינדרוקספול. מענטשן זענען געשטאנען אויף די ווינקלען און ארומגעלאכט און געמאכט וויצן. מענער מיט לאנגע בערד, פרויען מיט פאטשיילעס אויף זייער קאפ; יעדער איז פריילין! א פרייליכע פאלק! זיי זענען נישט קיין רייכע מענטשן אבער זיי זענען מענטשן מיט גוטע נאטורן; זיי זענען פריילין. **"שמחו צדיקים בה"** – צדיקים זענען פריילין מיט'ן אויבערשטן.

עס איז אן איינדרוקספולע זאך! מען טרעפט אסאך גוטע הומאר דארט. געמוטליכקייט! **"רננו צדיקים בה'!"** מען טרעפט עס כסדר צווישן ערליכע אידן. און דערפאר, דער אויבערשטער האט אויסגערעכנט א געוויסע מאס פון טרויער און דאס איז גענוג פאר'ן יוצא זיין די אלע זאכן וואס מיר זענען דורך. (# 604)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב